# גליון היכל הקודש

ווכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:12
מוצאי שב"ק......................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................... ישעיה נ-נא
בבלי..................... בבא בתרא ד
ירושלמי.................... פסחים מב
תוספתא.................... מנחות ד
רמב"ם............. שמיטה ויובל ז


פרשת שלח, כ"ג סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 37 (655)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִּיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיּוּת. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, פַּארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִּיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פוּל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַּארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְּלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהְן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער – דֶער רַחוּם וְחַנּוּן – נֶעמְט יֶעדְן אָן. (תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁלַח תש"ס)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### רֶעג זִיךְ נִישְׁט

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (ט"ז, ל"ב) "טוֹב אֶרֶךְ אַפַּיִם מִגִּבּוֹר וּמֹשֵׁל בְּרוּחוֹ מִלֹּכֵד עִיר", אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיז בֶּעסֶער פוּן אַ גִבּוֹר; אוּן דֶער וָואס קֶען גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ כַּעַס, אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם וָואס נֶעמְט אַיין אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט.

אוֹיף דֶעם פָּסוּק זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (אָבוֹת ד', א') "אֵיזֶהוּ גִבּוֹר? הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ", וֶוער אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער גִבּוֹר, וָואס פַּאסְט מֶען זָאל אִים אוֹיסְלוֹיבְּן אוֹיף זַיין גְבוּרָה? דֶער וָואס קֶען זִיךְ


<<<<<<


## א גוט ווארט

בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שְׁטֵייט, אַז דִי בַּת קֵיסָר פְּלֶעגְט אַרוֹיף קְרִיכְן בַּייַנאכְט אוֹיף אַ בּוֹים זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן דִי חַיּוֹת רָעוֹת; מִיר הָאבְּן אַרוּם גֶערֶעדְט אִיבֶּער דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן נב): "עֵץ דָא צַדִּיק", דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בּוֹים; אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דִי מְרַגְּלִים קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן קוּקְן (בַּמִּדְבָּר יג, כ): "הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן", זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): "אִם יֵשׁ אָדָם כָּשֵׁר לְהָגֵן עֲלֵיהֶם", זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַ עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס קֶען מֵגִין זַיין אוֹיף זֵיי; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַ עֵצָה וָואס מִיר זָאלְן טוּן וֶוען מִיר וִוילְן זִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן חַיּוֹת רָעוֹת - מִיר זָאלְן אַרוֹיף קְרִיכְן אוֹיפְן בּוֹים; מִיר זָאלְן גֵיין צוּם צַדִּיק אוּן נֶעמֶען זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס דַארְף אַ נִפְטַר זָארְגְן אַז עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת"; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, מִיט זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט אוּנְזֶער בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. מֶען זֶעט הַיינְט נֶעבֶּעךְ בַּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט שְׁנַיידְן זִיךְ זֵייעֶר בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, נָאר וַוייל זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט אַז זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶערְפַאר הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. דָאס זֶעלְבֶּע מִיט צִיצִית אוּן תְּפִילִין; מֶען אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט בִּיז מֶען טוּט נִישְׁט אָן קֵיין צִיצִית אוּן תְּפִילִין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּרְאָה תשע"ח)




דער מולד וועט זיין: שבת נאכמיטאג 9 מינוט און 10 חלקים נאך 1 | ראש חודש תמוז יהיה ביום השבת קודש ולמחרתו ביום ראשון

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן לֶעבְּט מֶען א שֵׁיינֶע רוּאִיגֶע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דָאס וָואס דוּ הָאסְט קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵקוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אִין דִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם מִיט סְפֵקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, וֶוערְט זַיין מֹחַ אוּן זַיין הַארְץ אָנְגֶעפִילְט מִיט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ", בְּרִית גֵייט אִינְאֵיינֶעם מִיט אֱמוּנָה; אוֹיךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת יב:) אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר טו, לט): "וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם", אַחֲרֵי לְבַבְכֶם - זוֹ מִינוּת, אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - זֶה הִרְהוּר עֲבֵירָה; זֶעט מֶען פוּן דָא אַז דָאס גֵייט אִינְאֵיינֶעם, אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית.

פְּגַם הַבְּרִית הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אִיז מֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית. הַיינְטִיגֶע צַייטְן לֶעבְּן מִיר אִין אַ דוֹר וָואס אַלֶעס אִיז אָפְן, נִיאוּף אִיז אָפְן פַאר אַלֶעמֶען, אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט אִין דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּפְרַט וֶוען מֶען הָאט מִיט זִיךְ דִי כְּלֵי מַשְׁחִיתִים - סְמַארְטְפוֹן וְכוּ' וְכוּ', וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף אַלֶע שְׁמוּץ פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז דֶער 'בַּעַל פְּעוֹר' פוּן אוּנְזֶער דוֹר, צוּלִיבּ דֶעם פַאלְט מֶען אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה.

אִינְטֶרֶעסַאנְט אִיז, אַז נָאךְ אַזוֹי פִיל שְׁרַייבְּן פַאר דִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַן אָפֶענֶעם וֶועג צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט אוּן דִי בִּיטֶערֶע קָאנְסֶעקְוֶוענְצְן וָואס דָאס קֶען דִיר צוּבְּרֶענְגֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דוּ זֶעסְט וִוי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת וֶוערְן אוֹיס נָאר צוּלִיבּ דֶעם - הָאסְטוּ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת אוּן שֵׂכֶל דָאס אָפְּצוּלָאזְן אוּן אָפְּשְׁפַּארְן.

אִיךְ וֶועל דִיר וַוייטֶער שְׁרַייבְּן אוּן אִיךְ הָאף צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיטְן דִיר שְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט דָאס סוֹף כָּל סוֹף פּוֹעֵל'ן; דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן מַיין צוּבְּרָאכֶענֶעם הַארְץ.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי נֶעגְל פוּנֶעם שָׂטָן.

אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, דִי בַּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף מִיר; אִיךְ הָאבּ דֶעם זְמַן אַסַאךְ נֵייעֶ בַּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוּן שְׁלִינְגֶען יֶעדְן דִּבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

זֵיי גֶעזוּנְט.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק אַפָּאר וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּה זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשע"ט)



שְׁטַארְקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נַאטוּרְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעגְט אִים אוֹיף.

נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג אַ גֶעוִויסֶע צָרָה, אַן עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶפֶּעס יִסוּרִים; יֶעדְן טָאג קוּמֶען אוּנְטֶער פְרִישֶׁע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען פְרִיעֶר, יֶעדְן טָאג הָאט מֶען צוּ טוּן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַלְץ זֶענֶען דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ סִיבּוֹת וָואס זָאלְן מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶערֶעגְט.

פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועט אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ, אֵיינֶער מֶער אוּן אַ צְוֵוייטֶער וֵוייניגֶער, אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן רִיכְטִיגֶע אוּן אֱמֶת'עֶ תֵּירוּצִים פַארְוָואס זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן. אַמָאל אוֹיף דִי וַוייבּ, אַמָאל אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אַמָאל אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם אוּן אַרוּם, עֶס פֶעלְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן סִיבּוֹת וָואס זָאלְן מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין כַּעַס. בִּיז עֶס קֶען גֵיין אַזוֹי וַוייט אַז מֶען זָאל אַרַיינְגֵיין מַמָּשׁ אִין אַ רְצִיחָה, שְׁרַייעֶן אוּן קְוִויטְשֶׁען, אָנְשְׁרֶעקְן יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט דֶערְנֶעבְּן, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן מַמָּשׁ צִיטֶערְן זִיךְ צוּ גֶעפוּנֶען אִין זַיינֶע ד' אַמּוֹת.

דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן וָואס פִירְט צוּ אַ דוּרְכְפַאל אִין לֶעבְּן. עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "אוֹיבּ קֶענְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע כַּעַס, קֶענְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף יֶענֶעם", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶענֶעם, שְׁרַייעֶן מִיט כַּעַס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר מִיט דֶעם קֶענֶען יֶענֶעם בַּאזִיגְן; דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיט כַּעַס אוּן רְצִיחָה קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן אִין עֶרְגֶעץ, מֶען קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען אַ צְוֵוייטְן מִיט כֹּחַ. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג מַצְלִיחַ צוּ זַיין זִיךְ דוּרְכְצוּקוּמֶען מִיט סַיי וֶועמֶען אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, וִוי נָאר מֶען פַאלְט אַרַיין אִין כַּעַס אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט, הָאט מֶען שׁוֹין פַארְלוֹירְן דֶעם קַאמְף; מֶען פַארְלִירְט בֵּיידֶע זַייטְן, סַיי פַאר זִיךְ אַלֵיין הָאט מֶען פַארְלוֹירְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, וַוייל מֶען אִיז אַלְץ פַארְנוּמֶען צוּ זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם, מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט רוֹישִׁיגֶע כַּעַסִ'יגֶע גֶעפִילְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן מִיט אַ גְלַייכְן קָאפּ, אוּן סַיי מִיט יֶענֶעם פַארְלִירְט מֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלוֹיבְּט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, עֶר הַאלְט שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אוֹיגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וֶועמֶען מוֹרָא צוּ הָאבְּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן אָדֶער שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט אַלְץ סַבְלָנוּת, עֶר וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט, עֶר שֶׁעלְט נִישְׁט, עֶר בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיף אִים; אוּן כָאטְשׁ אִין אָנְהוֹיבּ קֶען אוֹיסְזֶען וִוי יֶעדֶער אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אִים, יֶעדֶער בַּאזִיגְט אִים, אוּן עֶר דַארְף זִיצְן אַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט מִיט סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אָבֶּער צוּם סוֹף שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, יֶעדֶער וואוּנְדֶערְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג צוּם סוֹף גֶעוואוּנֶען, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן זַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן סַבְלָנוּת.

אַ חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה, וִוי זִיךְ צוּ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן", דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ אַיינְצוּהַאנְדְלֶען אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אָן דֶעם, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדוּלְד, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַיין זַיין כַּעַס, אַלְץ מֶער אִיז עֶר מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן.

נָאךְ אַ מַאֲמַר אִיז דָא פוּנֶעם חָכָם, "אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַסַאךְ הֶעלְפֶערְס", קֵיינֶער זוּכְט נִישְׁט צוּ הֶעלְפְן אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וִויל נִיטְאַמָאל שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער אֲרִיכוּת אַפַּיִם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן, וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת, וֶועט אִים יֶעדֶער לִיבּ הָאבְּן, אוּן יֶעדֶער וֶועט אִים שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר פִיל שֶׁענֶער מַצְלִיחַ זַיין.

נָאךְ זָאגְט דֶער חָכָם, "מִיט גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ הָאבְּן רוּאִיגְקֵייט", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן אַ רוּאִיג לֶעבְּן, מוּז עֶר זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן שַׁלְוַת הַנֶּפֶשׁ. "וֶוער עֶס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן כַּעַס, אִיז זַיין שֵׂכֶל נִישְׁט מְסוּדָּר אִינְגַאנְצְן", אֵיינֶער וָואס הָאט אַ קְלָארֶע שֵׂכֶל, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי זַאכְן וָואס רֶעגְן אִים אוֹיף אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין כַּעַס. "גֶעדוּלְד בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה, כַּעַס בְּרֶענְגְט חֲרָטָה".

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אַלְץ גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר עֶר אַלֵיין פִירְט אַלֶעס, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר וֶועלְן זַיין רוּאִיגֶע אוּן צוּפְרִידֶענֶע מֶענְטְשְׁן אַלֶעמָאל; אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט אוּנְז גֵיין שְׁוֶוער, מִיר וֶועלְן הָאבְּן צוּטוּן מִיט שְׁווֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר וֶועלְן זִיךְ טְרֶעפְן אִין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זֵיי מַצְלִיחַ)

געשמאקע חבורה פון אינגעלייט אנשי שלומינו, און צוזאמען מיט די אנדערע האט ער ארגאניזירט אז מען זאל זיך צוזאמען קומען הערן די שיעורים פון ראש ישיבה יעדע דינסטאג. אזוי זענען צוביסלעך צוגעקומען נאך אינגעלייט, ביז מען האט זיך דערזען מיט איבער א מנין. מ'האט אפגעדינגען א פלאץ וואו מען האט אנגעהויבן פראווען שלש סעודות און מעריב, און מען האט זיך מחזק געווען. יעדע סיום און אנדערע געלעגנהייטן זענען געפראוועט געווארן אינאיינעם, ביז מ'האט געזען עס איז צייט צו האבן א בית המדרש פאר זיך. מ'האט אפגעדינגען א שיינע בית המדרש אויף רח' רבי יוסף קארו 5, אנפאנג איז טאקע געווען שווער, ווייל נישט יעדער וואוינט אזוי נאנט צו פיס צו קענען קומען שבת. אבער יעצט איז שוין ב"ה די מנין גוט אוועקגעשטעלט פאר אלע תפלות שבת קודש.

אין אלעד מאכן אלע הפצה, קיינער שלאפט נישט. דא איז א לעבעדיגע חבורה. יעדער פארט ארום מיט די קארס מאכן הפצה פון הויז צו הויז, און מען פארשפרייט די שיעורים ביי די אינטערסעקשאנס און אין אנדערע פלעצער.

ווען דער ראש ישיבה איז געווען אין ארץ ישראל פארגאנגענעם ל"ג בעומר, האט מען אים געפרעגט צי מען זאל מאכן א ברכת הבית מאגנעט, וואס זאל אויך האבן אויף זיך די נומער פון די האטליין, מיט א בארקאוד פון די חיזוק יומי. וויבאלד מאגנעטן זענען זייער פאפולער אין אלעד, און דער ראש ישיבה האט צוגעשטימט און געזאגט, אז מען מאכט שוין זאל מען עס מאכן זייער שיין. ב"ה עס איז שוין אנגעקומען עטליכע טויזנט שטיק. און כאטש דאס איז נישט גענוג פאר די גאנצע שטאט, אבער ב"ה מען גייט עס פארשפרייטן.

א חשובער אינגערמאן אין אלעד מאנשי שלומינו, מו"ה אברהם זייוואלד הי"ו, איז ארויפגעקומען מיט א נייע איידיע, פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט. ער האט געלאזט מאכן שיינע "קאר שמעקערס", וואס האט אויף זיך די נומער פון ברסלב. ער טיילט עס ארום און מאכט הפצה, ער האט געברענגט דערפון צוואנציג טויזנט שטיק, און עס גייט זייער גוט.

יעדע ערב שבת קודש ליגט פעקלעך פון גליונות אין שול וואו אלע אנשי שלומינו קומען אפנעמען זייער פעקל, און עס איז נישטא קיין שול אין אלעד וואס באקומט נישט קיין גליונות. אויך באקומען עס פילע משפחות אויף די פאסט.

היכל הקודש אין אלעד איז א הערליכע ווינקל פון הפצה און חיזוק פאר די גאנצע אומגעגענט.

***

## גרויסארטיגע פלענער פאר א טשארטער צו קישינעוו אויף אומאן ראש השנה תשפ"ה

עס קומען כסדר אן צו אונז ווענדונגען פון אנשי שלומינו מען זאל זיי האלטן אינפארמירט איבער דעם קומענדיגן יאר נסיעה קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ה, עס גלייבט זיך שווער, אבער געלויבט דעם אויבערשטן אז היינט קומט ארויס דער ערשטער אפדעיט פון "פלען איט רייט" וואו עס האלטן זייערע פלענער איבער'ן נסיעה פאר קומענדיגע יאר.

ווי מיר האבן געהערט פון מו"ה אלי קנאל הי"ו פיינעלייזט מען שוין ממש אין די יעצטיגע טעג די פילע גרופ- טיקעט אפציעס מיט אדער אן א סטאפ צו די פארשידענע עירפארטס ארום אוקריינע, ווי יעדער וועט זיך קענען אויסוועלן די טעג און די עירפארטס לויט זיין בודזשעט און געשמאק צו קענען קומען צום הייליגן רבי'ן. און מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף וועט עס ווערן פובליצירט ממש אין די קומענדיגע טעג בעז"ה.

עקסטער פון דעם ארבעט מען יעצט אויס די גראונד טראנספארטאציע פלענער פון די עירפארטס פאר די אלע גרופ טיקעטס צו קענען פארן פון דארט קיין אומאן אויף די בעסטע וועגן וואס מען קען בעז"ה, וואס דאס וועט בעז"ה פארטיג ווערן ביז א חודש פון יעצט, בעפאר חודש תמוז הבעל"ט.

אבער די עיקר נייעס איז אז מען ארבעט איבער די "טשארטער פליגער", די שטאב פון פלען איט רייט איז אינמיטן די העפטיגע ארבעט צו באשטעטיגן א געשמאקע טשארטער פלייט דירעקט קיין מאלדאווע, וואס מען האט שוין באקומען רוב פון די אפרואוועלס וואס פעלט אויס.

דער דעסטינאציע עירפארט אין קישינעוו-מאלדאווע איז די נענטסטע גרויסע אינטערנאציאנאלע אפענע עירפארט נעבן אומאן, וואס דער עיקר חסרון דארט איז געווען די לאגיסטיקס, זייענדיג אין א רעלאטיוו ארעמע לאנד איז דארט שווערער צו צושטעלן מאסן טראנספארטאציע פאר א ריזיגער ציבור אינאיינעם, אבער מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען דאס אויך איבערקומען, וואס דאס וועט בעז"ה מאכן די נסיעה אסאך מער געשמאק און שטארק פארקירצערן די צייט וואס עס נעמט צו פארן צום הייליגן רבין, טראצדעם וואס די עירפארטס אין אוקריינא גופא זענען פארשלאסן דערוויל.

אין נאך א גאר גוטע נייעס פאר אנשי שלומינו מעלדט פלען איט רייט, אז די וואס וועלן בוקן א גרופע טיקעט ביי זיי, וועלן קענען אריבערטוישן צום טשארטער און וועלן קענען מבטל זיין זייער גרופ טיקעט בחנם, און אזוי ארום וועלן אנשי שלומינו נישט דארפןווארטן ביז דער טשארטער ווערט פולקאם באשטעטיגט, נאר וועלן תיכף קענען קויפן א טיקעט אין די ערשטע געלעגנהייט, ווען די אויסוואל איז נאך גענוג גרויס.

די עוסקים במלאכת הקודש אין פלען איט רייט בעטן בכל לשון של בקשה פון אלע אנשי שלומינו מען זאל זיי אינזין האבן אין די תפלות, און מען זאל בעטן דעם אויבערשטן אז אלע פלענער וואס זיי טראכטן זאלן זיך אויסארבעטן לטובה, און זיי זאלן האבן די זכי' צו זיין די גוטע שליחים צו טראגן און ברענגען טויזנטער אנשי שלומינו צום הייליגן רבין אויף ראש השנה, אויף וואס דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט "קיין גרעסערס איז נישט פארהאנען".

פאלגט נאך פאר ווייטערדיגע מעלדונגען, וואס מיר וועלן זיך פרייען ערשט האנטיג צו ברענגען ווי נאר זיי קומען אריין.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וֶועְן מֶען מַאכְט אַ סִיּוּם פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דַארְף מֶען זָאגְן דֶעם "הַדְרָן עֲלָךְ"?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

א גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים און דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, דָאס רַאטֶעוֶועט מִיר מַמָּשׁ דָאס לֶעבְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ וֶוען מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען אוֹיךְ מַאכְן אַ גֶעהֶערִיגֶע סִיּוּם, און זָאגְן דֶעם הַדְרָן עֲלָךְ, אָדֶער נָאר אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט גֶעהֶערִיג מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַ סִיּוּם. און אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף יֶעדֶע סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער נָאר וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג? וֶוען הֵייסְט גֶעהֶערִיג גֶעלֶערְנְט און וֶוען הֵייסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג גֶעלֶערְנְט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן מו): "אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לַלַּמְדָן הַגָּדוֹל שֶׁבַּגְּדוֹלִים שֶׁעֲדַיִן אֵינוֹ יָכוֹל לִלְמֹד כְּלָל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל", אִיךְ קֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן לַמְדָן אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, און וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס מֵיינְט לֶערְנֶען, "וְכֵן לְהֶפֶךְ, אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְהַקְּטַנִּים שֶׁקְּרוֹבִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהַתּוֹרָה וְכוּ'", און אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אִיךְ קֶען וַוייזְן פַארְן קְלֶענְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה.

אַז מֶען אִיז זוֹכֶה און מֶען אִיז מְסַיֵּם אַ סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, דָאס בְּלַייבְּט מִיטְן מֶענְטְשׁ אוֹיף אֵייבִּיג און נָאר דָאס וֶועט מֶען מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נִישְׁט קֵיין חִילוּק צִי מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אָדֶער מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח", אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט און פַארְגֶעסְן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ", אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט, "לֶעָתִיד - בָּעוֹלָם הַבָּא - יָבִינוּ", וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג און יָארְן מִיט תּוֹרָה און מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בְּנוֹגֵעַ צוּ זָאגְן דֶעם "הַדְרָן עֲלָךְ" מִיט דִי תְּפִילוֹת וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י) אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין אַלֶע סְפָרִים וואו עֶס אִיז דָא תְּפִילוֹת, בַּקָּשׁוֹת און תְּחִנּוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁכָּל הַמִּינֵי בַּקָּשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁנִּמְצָאִים בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁיִּהְיֶה הַמָּצוּי בֵּינֵינוּ, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, לֹא הִנִּיחַ שׁוּם תְּחִנָּה וּבַקָּשָׁה שֶׁלֹּא אֲמָרָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים", יֶעדֶע

BreslevCenter.com\answers

תְּפִילָּה אוּן בַּקָּשָׁה וָואס אִיז דָא אִין סְפָרִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, "הֵן תְּהִלִּים, וְסֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, וְהַבַּקָּשׁוֹת הַנִּדְפָּסִים בְּהַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וּשְׁאָר מִינֵי בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת", סַיי תְּהִילִּים, סַיי דִי תְּפִילוֹת פוּן סֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, אוּן אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, "וַאֲפִילּוּ הַתְּחִנּוֹת הַנִּדְפָּסִים בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז", אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע תְּחִנּוֹת, "כֻּלָּם לֹא הִנִּיחַ מִלְּאָמְרָם", קֵיין שׁוּם תְּפִילָּה הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט, אַדְּרַבָּה עֶר הָאט גֶעזוּכְט וִוי מֶער צוּ זָאגְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ לֶערְנֶען וְכוּ'. אוּן ר' נָתָן פִירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה: "וְזֶהוּ הָעִקָּר, מַה שֶּׁהוֹעִיל לוֹ לִזְכּוֹת לְמַה שֶּׁזָּכָה", דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

דֶערִיבֶּער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען אִיז מְסַיֵּם אַ סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ מַסֶּכְתָּא אִין שַׁ"ס, אִיז זִיכֶער גוּט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָא נִתְנַשֵּׁי מִינָךְ סֵדֶר ... וְלֹא תִּתְנַשֵּׁי מִינָן, לָא בְּעָלְמָא הָדֵין וְלֹא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי", אִיךְ זָאל דִיר נִישְׁט אָפְלָאזְן, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר נִישְׁט אָפְלָאזְן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַעֲרֵב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ, אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל", מַאךְ זִיס דִי תּוֹרָה פַאר מִיר, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר גַאנְץ כְּלָל יִשְׂרָאֵל. אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹקַי, כְּשֵׁם שֶׁעֲזַרְתַּנִי לְסַיֵּם סֵדֶר ... כֵּן תַּעַזְרֵנִי לְהַתְחִיל מַסֶּכְתּוֹת וּסְפָרִים אֲחֵרִים וּלְסַיְּמָם, לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וּזְכוּת כָּל הַתַּנָּאִים וְאָמוֹרָאִים וְתַלְמִידֵי חֲכָמִים יַעֲמֹד לִי וּלְזַרְעִי שֶׁלֹּא תָמוּשׁ הַתּוֹרָה מִפִּי וּמִפִּי זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב מְסַיֵּם גֶעוֶוען ... אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהֵייבְּן נָאךְ שִׁיעוּרִים אוּן זֵיי עֶנְדִיגְן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אָפְּצוּהִיטְן דִי תּוֹרָה. אוּן אִין דִי זְכוּת פוּן אַלֶע תַּנָּאִים אוּן אָמוֹרָאִים אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זָאל אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן**
**זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשע"ח)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## חסידי ברסלב באוויינען די פטירה פון הרה"ח ר' משה זאב שווארץ ע"ה

מיט א שווער הארץ און טיפער צער, מעלדן מיר די פטירה פון הרה"ח ר' משה זאב שווארץ ע"ה, וועלכער איז אוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 67 יאר. ר' משה זאב ע"ה איז געווען א באשיידענע ברסלב'ע חסיד, באליבט און געשעצט דורך אלע וואס האבן אים געקענט.

דער נפטר ע"ה איז געווען א לעבעדיגער ביישפיל פון אמונה און שמחת החיים. ווען טראץ זיין שווער לעבן, האט ער קיינמאל נישט געהאט קיין טענות אויפן אויבערשטן, נאר איז אלץ געווען פרייליך און מחזק געווען אלע זיינע ארומיגע.

ר' משה זאב ע"ה האט אויסגענוצט זיין שרייבן טאלאנט איבערצושרייבן הונדערטער קונטרסים פון מוהרא"ש ז"ע אויף ענגליש. די ענגלישע קונטרסים זענען געשריבן געווארן גאר געשמאקע און פראפעסיאנאל, וואס האט צוגעצויגן די ענגליש-רעדנדע אידן אויך צו נעמען און טרינקען פונעם שפרודלדיגן קוואל פון הייליגן רבי'ן. אלע וואס האבן נאר געליינט זיינע איבערגעזעצטע קונטרסים, האבן געהאט א הרהור תשובה און זענען געווארן נענטער צום אויבערשטן.

די אלע זכותים קומען יעצט אנטקעגן ר' משה זאב ע"ה ווען זיין נשמה קומט ארויף אין הימל. מיר ווען זיך פארנעמען צו גיין אין זיינע וועגן, אויסנוצן יעדע מעגליכקייט זיך צו שטארקן אין אמונה און שמחת המצוות, און העלפן יעדן איד אויף יעדע מעגליכע וועג.

פאר אונז איז זיין פטירה א גרויסע פארלוסט, אבער מיר זענען זיכער אז זיין נשמה געפונט זיך יעצט אויף זייער א גוטע פלאץ אין גן עדן, און ער וועט זיין א מליץ יושר פאר זיין משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל.

**יהא זכרו ברוך.**

***

## קרן הדפסה גרייט זיך איבערצודרוקן די ענגלישע קונטרסים לע"נ הרה"ח ר' משה זאב שווארץ ע"ה

קרן הדפסה האט היינט געמאלדן אז זיי פלאנען מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף איבערצודרוקן אלע ענגלישע קונטרסים וואס ר' משה זאב ע"ה האט איבערגעטייטשט. דאס איז א גרויסע און ערנסטע הפצה פראיקעט, און עס וועט זיין א געוואלדיגע זכות פאר אנשי שלומינו וואס ווילן נעמען א חלק דערין.

ר' משה זאב ע"ה וואס איז נסתלק געווארן לחיי העולם הבא האט איבערגעטייטש גאר אסאך קונטרסים פון מוהרא"ש ז"ע אויף ענגליש, וואס האט געמאכט א געוואלדיגע מהפכה ביי די ענגליש רעדנדע ציבור, און האט געגעבן התחזקות פאר אומצאליגע אידן איבער די וועלט, און דאס וויל מען יעצט מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף ממשיך זיין.

מען קען זיך ווענדן צום גבאי'ן מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449 צו נעמען א חלק אין די גרויסע הוצאות, דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין א בריוו ווי ער דרוקט זיך אויס די גרויסקייט פון העלפן דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים, ער האט געשריבן **"אז דו דארפסט א ישועה - זאלסטו געבן צו דרוקן די הייליגע ספרים "אשר בנחל" און די הייליגע קונטרסים. איך האב פאריגע חודש געגעבן פינף הונדערט דאלער און איך האב געזען א גרויסע ישועה, אויך היינט האב איך נאכאמאל מנדב געווען פינף הונדערט דאלער; איך שפיר זיך נישט אזוי גוט, איך האף דאס וועט זיין פאר מיר א ישועה".**

**דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט ווייטער "מען זעט אפענע ישועות ווען מען העלפט דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים וואס זענען מגלה און מפרסם דעם אויבערשטן", און "ווען מיר האבן א קלארע הבטחה פון מוהרא"ש ז"ע אז ווער עס וועט געבן געלט צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל" וועט זען גרויסע ניסים", דעריבער איז "א שאד צו זוכן סגולות וואס האבן נישט קיין מקור".**

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמאנט אז ער האפט צום אייבערשטן ער וועט זיין בכח צו געבן די וועכנטליכע שיעור, און ער וועט מודיע זיין, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן מען זאל בעטן פאר אים. דערפאר ווילן מיר בעטן אנשי שלומינו זאלן בעטן דעם אויבערשטן פאר ראש ישיבה שליט"א, און אויך מנדב זיין פאר די קונטרסים פאר'ן זכות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

לאמיר זיך משתתף זיין ביד רחבה וברוח נדיבה, און געניסן פון די אלע גרויסע זכותים וואס קומט פון הפצה, און מיט דעם זוכה זיין צו אלע ישועות.

**יפוצו מעינותיך חוצה!**

***

## היכל הקודש אלעד - א פאבריק פון הפצה

אין אלעד, א שטאט אין צענטער פון ארץ ישראל, גייט אן הערליכע אינגע קהילת היכל הקודש וואס שפרודלט מיט הפצה און חיזוק. די גאנץ קורצע היסטאריע האט זיך אנגעהויבן מיט מו"ה נח לעווין הי"ו, וואס האט מיט נישט מער פון צוויי יאר צוריק אנגעהויבן פארשפרייטן די גליונות און קונטרסים פון ראש ישיבה אין די שטאט, ער איז געגאנגען אליינס, אן וויסן פון נאך אנשי שלומינו אין שטאט. פאריאר בשעת'ן מפיץ זיין האט ער באגעגנט א אינגערמאן מו"ה חיים יאקאבאוויטש הי"ו, וואס האט אים געזאגט אז ער הערט די שיעורים, און זינט דאן האבן זיך זיך כסדר צוזאמען מחזק געווען און געארבעט איינאיינעם.

אביסל שפעטער איז צוגעקומען א פרישע אינגערמאן, מו"ה משה וויינבערגער הי"ו פון אשדוד, וואס האט חתונה געהאט און זיך באזעצט אין אלעד. ער פלעגט פריער כסדר גיין קיין בראכפעלד, וואו עס איז איז דא א


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אלחנן זויבערמאן** הי"ו צפת
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **אליהו לב** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **נחמן נתן בוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון חיים נ"י למזל טוב

## ער וויל אויך זיין גוט!!!

**נעם א חומש, א משניות וועט דיר זיין גוט,**
**נאר דאס העלפט!!!**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1,2,1,9,2,53**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >